Call no: B. K88

Title: Segilah le-ayin ha-ra ... baduk u-menuseh meha-R.I. ha-kadosh ...

כותר: סגילה לעין הרע ... בדוק ומנוסה מהר"י הקדוש ...

Imprint: [Yerushalayim?] : Rozenthal's, [18--]

דפוס: [ירושלים ?] : ראזענטהאל'ס, [18--]

Collation: 1 broadside : ill. (border designs), 41 x 29 cm.

הערות: סוג הגליון: תפלה לשמירת הילד. מקומות: ירושלים. תחילת המודעה: דא קים איך מיט דעם שם ... אנשים: יצחק לוריא.

Subject: Birth customs.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

ירושלים

שדי

ב"ה

שדי

# סגילה לעין הרע ר"ל.

## בדוק ומנוסה מהר"י הקדוש ז"ל.

דא קום איך מיט דעם שם פון ד' וואס האט הימעל און ערד בעשאפן מיט צעהן טויזענד תורות און מיט צעהן טויזענד מזוזות און מיט צעהן טויזענד גוטע מלאכים זאלין א דעם קינד בייא שטיין (פלוני בן פלוני) עפעס זאל קיין שליטה נישט האבין צו דעם קינד קיין עין הרע און קיין בייזע זאכין. און דא קום איך מיט גאטס קראפט און מיט גאטס מאכט. און דא קום איך מיט הימלישען שטערין און מיט הימלישען שלאס.

דער זכות פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב און דער זכות פון שרה רבקה רחל לאה און דער זכות פון צדיקים און חסידים זאלין בייא שטיין בייא דעם קינד (פלוני בן פלוני) דא בין איך געקומען דאס ערשטע מאהל און דאס בעסטע מאהל אויס צו רעדין און אויס צו שפרעכין דעם קינד (פלוני בן פלוני) אז עס איזט דיר אנדערשט געקומען פון זייגען אדער פון עסין אדער פון שלאף אדער פון טרינקען, אדער פון אין ביכל אדער פון איין זין אדער פון איין הין אדער פון דעם פאטער אדער פון דער מוטטער אדער פון דעם הויזגעזינד אדער פון בייזע באגעגנישען. אבער איז דיר אנדערש געקומען פון נאכט דערשרעקיניש אבער פון אין קלאפ דערשרעקיניש אבער פון וויין דערשרעקיניש אדער פון אין בהמה דערשרעקיניש אדער פון איין הינד דערשרעקיניש אדער פון איין שווייז דערשרעקיניש אדער עס איז דיר אנדערש געקומען פון איין נקבה דערשרעקיניש אדער פון איין זכר דערשרעקיניש אדער פון איין ערל דערשרעקיניש אדער פון איין ערלית דערשרעקיניש. איז דעם קינד (פלוני בן פלוני) אנדערשט געקומען פון קליין דערשרעקיניש אדער פון גרויס דערשרעקיניש פון יונג אדער פון אלט דערשרעקיניש אדער פון בייזע פרעש טרעטין פון בייזע באצווינגען פון בליט און פון בייזע מיטען זאל דאס בייזע אוועק גייען פון דעם קינד (פלוני בן פלוני) מיט דעם רויעך מיט דעם ווינד איבער אלע וואסערען איבער אלע וועלדער איבער אלע פעלדער זאל דאס בייזע אוועק גייען פון דעם קינד (פלוני בן פלוני) דארט שטייט איין געמאכטער שלאס איין אייזערנער שלאס דארטין. זאל זיך האלטין אלע בייזע זאכין פון דעם קינד (פלוני בן פלוני) צו דעם קינד זאל קיין מאכט און טראכט נישט האבין נישט צו ברעכין נישט צו שטעכין נישט צו לעמין נישט צו פייערין און דעם קאפף נישט און די אויגען נישט און די פיס נישט און דעם געווען נישט. און דעם הארצין נישט און דיינע (רמ"ח אברים) 248 אברים נישט און דיינע (שס"ה גידים) 365 אדערין זאל דעם קינד נישט שאטין וויא די ערד איז שטים אזויא זאל די וויטאג איין געשטילט ווערין אמן סלה:

ירושלים

שדי

ירושלים

שדי

[illegible] עם. ראזענטהאל'ס בוכדרוקעריא מ.ר.ש.נעט.